## הויקער, דו / משה־לייב האַלפּערן

הויקער דו אויף מײַן נשמה,
אומעט אין לבֿנה־שײַן;
גוט איז מיר אַזוי אויף אייביק
אַ פֿאַרפֿאַלענער צו זײַן.

האָבן מיר די רייד וואָס קלינגען
קיינמאָל ניט קיין טרייסט געבראַכט,
וועל איך מיטן קאָפּ פֿאַרריסן,
וויינען, וואָיען אין דער נאַכט.

וועל איך הערן ווי איך וואָיע,
וועל איך הערן ווי איך וויין,
וועל איך מער קיין רייד ניט דאַרפֿן
צו פֿאַרשפּילן זיך אַליין.

צו אַ גרויסן הונט אַ שוואַרצן
וועל איך דעמאָלט ענלעך זײַן.
הויקער דו אויף מײַן נשמה,
אומעט אין לבֿנה־שײַן.

ניו־יאָרק, 1919
(פֿון *אין ניו־יאָרק*)

## חֲטוֹטֶרֶת, אַתְּ / משה־לייב הלפֶּרן

עברית: ישׂראלה בקר

חֲטוֹטֶרֶת עַל נַפְשִׁי, אַתְּ
— מוּל יָרֵחַ — מוּעָקָה;
טוֹב לִי כָּךְ לִהְיוֹת לָנֶצַח
אִישׁ תּוֹעֶה, אָבוּד, נִדְכָּא.

הַמִּלִּים הַמִּתְנַגְּנוֹת לֹא
נִחֲמוּנִי כְּלָל וּכְלָל.
אֲיַלֵּל, אֶבְכֶּה בַּלַּיְלָה,
וְרֹאשִׁי נִשָּׂא אֶל־עָל.

אֶת בִּכְיִי שֶׁלִּי אֶשְׁמַע, גַּם
אֶת יִלְלָתִי שֶׁלִּי.
לְשַׁעְשֵׁעַ אֶת עַצְמִי — לֹא
אֶצְטָרֵךְ עוֹד לְמִלִּים.

אָז אֶדְמֶה מַמָּשׁ לְכֶלֶב
מְגֻדָּל, שָׁחֹר כָּל־כָּךְ.
חֲטוֹטֶרֶת עַל נַפְשִׁי, אַתְּ
— מוּל יָרֵחַ — מוּעָקָה.

תל־אביב, דצמבר 2025